ב"ה

# הי"ב פסוקים

## מתוך שיחות שנת תשל"ו

CELEBRATING 50 YEARS

12

PESUKIM

CAMPAIGN

# תורה צווה

## - יוקר התורה ושייכותה בשלימות לכאו"א -

ח. וואָס בנוגע אַן ענין פון תורה שבכתב זאָגט מען דאָך"" "כשהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב", וואָס נאָך גאָר אַ קליינעם קינד קען מען אים מסביר זיין אַז אַזוי ווי ער האט די טייערקייט צו זיינע צעצועים (צו זיינע צאצקעס), ועד"ז צו כמה ענינים וועלכע ער האט חשק, קען מען אים מסביר זיין דעם יוקר הענין פון תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב - דעם כללות ענין התורה.

שיחת יום ה' ליל אדר"ח אייר, ה'תשל"ו (אות ח')

ובפרט אַז בנוגע צו דעם פסוק "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב", איז אַ דין אין תורה אַז מען זאָל דאָס לערנען מיט אַ קינד משמתחיל לדבר, נאָך איידער ער ווערט אַ בן חמש למקרא, ווי ער זאָגט אין הלכות ת"ת פון דעם אַלטן רבי'ן, וואָס עפ"י הרוב קומט דאָס שוין בשנתיים, און "בוצין בוצין מקטפי' ידיע - ביי יעדערן לפי ההתפתחות שלו, וואָס אין דעם איז דאָ חילוקים, אָבער דער סימן הכללי איז משמתחיל לדבר.

וואָס דערפאַר איז געוועז די הצעה אַז לכל לראש זאָל מען אָנהויבן פון דעם פסוק "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב", וואָס אויף דעם האָט מען דאָך גלייך אַן אָנזאָג פון תורה און אַ הלכה אַז משהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה, און די גמרא פאַרטייטש אַז דאָס מיינט מען דעם פסוק.

און דערפאַר איז גלייך ווען ער איז מתחיל לדבר, הויבט מען אָן לערנען מיט אים דעם פסוק, וואָס ענינו איז אַז דורך דערויף ווערט ער מורשה קהלת יעקב - ער ירש'נט דעם גאַנצן ענין וואָס מ'האָט אָפּגעגעבן צו קהלת יעקב, וואָס דאָס איז דער ענין פון תורה צוה לנו משה, וואָס דאָס איז דאָך כולל כל התורה כולה, וואָרום "כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש בתורה הכל ניתן למשה מסיני".

וואָס אין דערויף גופא, וויבאַלד אַז מ'איז אים מסביר אַז דאָס איז "מורשה קהלת יעקב" - דאָס איז אַן ענין של ירושה, קען מען מסביר זיין אפילו צו אַ קטן און אַ קטנה אַז ירושה איז נאָך איידער ער איז מתחיל לדבר, און אפילו ס'איז ניט שייך צו מסביר זיין דאָס צו אַ תינוק בן יומו, וואָרום ער ווייסט נאָך ניט וואָס הייסט אַ תינוק בן יומו וכו', ער ווייסט אָבער די תקופה מיט דעם מעמד ומצב וואָס ער איז מתחיל לדבר, און ער ווייסט אַז ער האָט געהאַט טעג וואָס

ער איז געווען נאָך פאַר דערויף, קען מען אים מסביר זיין און ער פאַרשטייט דאָס אַז שוין דעמאָלט, אַז נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן רעדן, איז שוין ביי אים געווען דער מורשה קהלת יעקב, וואָס דאָס איז גאַנץ תורת משה.

וואָס דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט להשבית אויב ומתנקם: וויבאַלד אַז מ'זאָגט אַז דאָס דאַרף זיין ביי עוללים ויונקים, וואָס עפ"י תורה ווערט ער אָנ־גערופן אַן עולל ויונק, בסגנון אחר - ער איז נאָך אַ קטן, עאכו"כ אַז ער איז ניט שייך צו זיין אַ יוצא צבא בישראל, וואָס דאָס הויבט זיך אָן מבן עשרים שנה ומעלה, ער איז נאָך אפילו ניט בן שלש עשרה למצוות, און אפילו ניט ענינים פון פריער, וויבאַלד אָבער אַז מ'זאָגט אים אַז ער האָט "מורשה קהלת יעקב", און מ'איז אים מסביר אַז ירושה הייסט אַז ער ווערט דער גאַנצער בעה"ב אויף כל עניני תורה ומצוותי' אויף תורה צוה לנו משה;

שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו (אות ו')

# שמע ישראל

## - אחדות ה' בשפה של ילד -

עד"ז איז אויך דאַ דער פסוק פון "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", וואָס דאָס קען מען אויך מסביר זיין גאָר אַ פּיצל קינד, ובפרט דאָך אַז בלאה"כ דארף מען דאָך איינפירן מיט קינדער זיי זאָלן זאָגן עכ"פ דעם פסוק (אנהויבנדיק וואָס פריער מ'קען], סיי ביום סיי בלילה, וכאמור אַז מ'קען דאָס זיי מסביר זיין לפי הבנתם ולפי סגנונם, וויבאלד אַז ער זעט שוין שמים וארץ און ד' רוחות העולם לפי הבנתו והשגתו, קען מען אים אויך מסביר זיין דעם ענין פון ה' אלקינו ה' אחד, ביז ווי מ'איז דאס מסביר צו אַ גדול בישראל, בלשון הגמ"" אז דער ח' איז דאס ז' רקיעים וארץ, און דער ד' איז ד' רוחות העולם, און דאָס אַלץ ווערט נמשך פון אלופו של עולם וואָס דאָס איז דער אלף, וואָס דאָס איז דער ר"ת פון דער וואָרט אחד, כמבואר אין ב"י", און באריכות אין ספרי מוסר וחקירה און חסידות און קבלה וכו'.

וכמדובר כמ"פ אַז דאָס וואָס מ'איז דאָס מסביר פאַר אַ תינוק קטן איז דאס ניט ח"ו ניט אמת, ווארום דאָס איז דאָך אַ הסברה פון תורת אמת, נאָר דאָס איז וואס מ'איז אים מסביר און מ'טוט דאָס אַן אין זיינע אותיות, ובלשון הגמ' דברה תורה כלשון בנ"א, און אין לשון בנ"א גופא, איז אויך דא דער דברה תורה בלשון קטנים, ווען מ'דארף דאָס מסביר זיין צו קטנים, אָבער אין דערויף ליגט דער פי' הפנימי, ביז כאמור לעיל ווי מ'איז דאָס מסביר ע"פ קבלה וע"פ חסידות וע"פ רמז וכל הפירושים ביז די ס"ר פירושים וואָס זיינען דא בכל ענין בתורה".

*שיחת יום ה' ליל אדר"ח אייר, ה'תשל"ו (אות ח')*

ועד"ז דאָס וואָס מ'זאָגט אַ קינד "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", איז נוסף אויף דעם ענין עקרי (בדוגמא ווי געזאָגט בנוגע צום פסוק "תורה צוה לנו משה", אַז אין דעם איז דאָ די הוראה אַז דאָס זאָל זיין התחלת הלימוד מיט אַ תינוק שמתחיל לדבר, עד"ז בנוגע צום פסוק שמע ישראל) אַז ס'איז דאָ די הוראה אַז מ'זאָל מרגיל זיין אַ תינוק לכל לראש אין זאָגן דעם פסוק "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד".

ובפרט נאָך אַז מ'קען דאָס מסביר זיין בקלות צו אַ תינוק, אַז דאָס וואָס ער זעט די ד' רוחות העולם, און דאָס וואָס ער זעט מעלה ומטה (וואָס דאָס זעט דאָך אויך אַ קינד), זאָגט מען אויף דעם אַז "ה' אחד", וואָס דער אָפּטייטש פון אחד איז, אַז ער איז אַן איין און איינציקער, ד.ה. אַז אומעטום וואו ס'איז

דאָ די הימלען מיט די ערד - ז' רקיעים ד' רוחות העולם, וואָס דאָס איז דאָך דער חי"ת און דער דל"ת והארץ און פון "אחד", איז דאָרטן ה' אלקינו ה' אחד.

און דערביי פאַרטייטשט מען אים אָפּ אַז דאָס איז "אלקינו", אַז צום אַלעם ערשטן איז דאָס אַן אויבערשטער וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם קינד, דאָס איז זיינער אַ פּרעזענליכער אויבערשטער, און דורך דערויף וואָס דאָס ווערט "אלקינו", ווערט דערנאָך ה' אחד - אין דעם חי"ת - ז' רקיעים וארץ, און אין ד' רוחות העולם.

אמת טאַקע אַ קינד זעט ניט די ז' רקיעים, אָבער ברובא דרובא זעט דאָס אַ גדול אויך ניט, אַזוי איז די מעשה בפועל, מ'ווייסט אַז אַזוי שטייט אין ספרים, ביז וואַנען אַז די גמרא זאָגט אַז ס'איז דאָ "השמים ושמי השמים", און אין דעם איז דאָ אַ פלוגתא וויפל רקיעים זיינען דאָ, און די מסקנא איז אַז ס'איז דאָ ז' רקיעים, אָבער אַז מ'וועט טרעפן אַ אידן אין גאַס, און מ'וועט פרעגן ביי אים, האָסטו געזען זיבן הימלען, איז אויב ער האָט געלערנט די גמרא, וועט ער זאָגן אַז זען האָט ער ניט געזען, ער ווייסט אָבער אַז דאָס איז אַזוי, און אויב ער האָט נאָך ניט געלערנט די גמרא אין חגיגה [וואָס דאָס איז פון די מסכתות וואָס מ'לערנט ניט אין אַ ישיבה], קען גאָר זיין אַז ער זאָל ענטפערן אַז ער ווייסט ניט צי ס'איז דאָ זיבן, צי ס'איז דאָ אַכט, צי ס'איז ניין.

אויב ער איז נאָך דערצו אַ למדן, וועט ער זאָגן, דו זאָגסט אַז ס'איז דאָ זיבן רקיעים וואָס שפּאַרסטו זיך אַריין בין הרים גבוהים, ס'איז דאָך אַ פלוגתא צווישן ר' יהודה מיט ר"ל, איז וואָס דאַרפסטו פסק'נען אַ דין,

[בפרט נאָך אַז ס'איז אַ ענין פון אגדתא, איז דאָך דאָ די ספרים פון כללי הפוסקים וואָס זאָגן אַז דאָס וואָס ס'איז דאָ די כללים אין פסקי הלכה (ע"ד דער כלל אַז ר' יהודה ור' מאיר הלכה כר' יהודה, ועד"ז שאר כללים), איז דאָס אַלץ בנוגע צו הלכה, אָבער ניט בנוגע צו אגדה, איז וואָס איז אים נוגע צי ס'איז דאָ צוויי רקיעים, צי פינף רקיעים, צי זיבן רקיעים, צי נאָך מערער, צי נאָך וויניקער, ס'איז אַ ענין פון אגדה, וויל ער זיך ניט אַריין לאָזן און זאָגן צי דער איז גערעכט צי דער איז גערעכט וכו',

איי די גמרא טייטשט דאָך אַז אחד גייט אויף ז' רקיעים וארץ וד' רוחות העולם, גייט די סוגיא נאָך איין דעה, ס'איז אָבער ניט קיין ראי' אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדער פשט אין אחד לויט די צווייטע דעה, איי ס'איז דאָ אַ הוכחה פון זהר כמדובר כמ"פ, הויבט זיך אָן גלייך דער פלפול אַז זהר איז נסתר דתורה, און די גמרא איז אַן אַנדער אופן, מיט אַלע כללים וואָס אין כאן המקום להאריך בזה].

בשעת מ׳האָט אָבער צוטאָן מיט אַן עולל ויונק, ווייסט ער אַז שמים איז דאָ דאָס וואָס ער זעט בעיני בשר, דערנאָך זאָגט מען אים אַז ס׳איז דאָ זיבן הימלען איינע אויף דעם צווייטן, גלויבט ער אַז מסתמא איז דאָס אַזוי, פּונקט אַזוי ווי ער גלויבט אַז ״תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב״, ניט ער האָט דאָס בהבנה והשגה, ער איז ערשט מתחיל לדבר, נאָר ער נעמט דאָס אָן באַ־מונה שלימה ופשוטה, עד״ז גלויבט ער אין דעם וואָס מ׳זאָגט אים אַז ס׳איז דאָ שבעה רקיעים.

און דאָס וואָס דער רמב״ם זאָגט אַז דאָס וואָס מ׳זעט דעם צבע התכלת, איז דאָס גאָר ניט דער הימל, דאָס איז צבע האויר - איז אַן עולל ויונק ווייסט נאָך ניט פון דעם רמב״ם, און ער זעט דעם הימל.

איז בשעת ס׳איז אים מסביר דעם ענין פון ״שמע ישראל ה׳ אלקינו ה״ אחד״, איז דאָס מוסיף אין דעם ענין פון ״מפי עוללים ויונקים יסדת עוז״, ובדרך ממילא ווערט ניתוסף אין דעם ״להשבית אויב ומתנקם״, ובפרט אַז דאָס האָט אַ שייכות מיוחרת מיט ״להשבית אויב ומתנקם״ כמדובר לעיל.

שיחת י״ג תמוז ה׳תשל״ו (אות ו׳)

# בכל דור ודור

## - יציאת מצרים ענין תמידי -

ט. וואָס עד"ז איז אויך דא בתושבע"פ כמה ענינים וואָס מ'קען זיי מסביר זיין, אָדער אַן ענין מענינא דיומא וואָס דאָס איז דער ענין פון "למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים" -דעם ענין פון יציאת מצרים, וואָס דאס איז מען דאָך בלא"ה מחנך, סיי א בן חכם, סיי די אלע איבעריקע קינדער, אנהויבנדיק פון חמשה עשר בניסן, ביז וואַנעט אַז מ'איז מעורר תינוקות אז זיי זאלן פרעגן שאלות, און ס'ווערט דורך דערויף "והגדת לבנך"2", און דער ענין פון "כנגד ארבעה בנים דברה תורה", וואָס די הכנה פון יום חמשה עשר בניסן איז דאָך בכדי אַז מ'זאל דערנאָך ממשיך זיין מיט אָט דעם ענין, אויך אין זיין חינוך לאח"ז.

*שיחת יום ה' ליל אדר"ח אייר, ה'תשל"ו (אות ט')*

דערנאָך פרעגט דער קינד, היתכן אַז מ'זאָל מאָנען פון אים אַזאַ זאַך, ובפרט נאָך ווען ער וואָלט געוואוסט וואָס ס'טוט זיך מיט ערוואַקסענע, ווי אַזוי ס'פעלט ביי זיי צייטנווייז אין די פרטים, וואָלט ער דעמאָלט אויפגעהויבן גאָר אַ געוואַלד, וואָס פאַרלאַנגט מען פון אים מערער ווי ערוואַקסענע זיינען מקיים.

און אויף דעם זאָגט מען אים, אַז ער זאָל וויסן זיין אַז "בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים", מ'זאָגט אים אַז מ'איז געווען אַ לאַנגע צייט אין גלות מצרים, און אויב ער איז שייך צו מצייר זיין וואָס הייסט צוויי הונדערט מיט צען יאָר, וואָס ביי אַ קינד איז שווער מצייר זיין ביי זיך אַזאַ זמן ארוך, אָבער עכ"פ ער ווייסט אַז דאָס איז אַ זמן ארוך,

און מ'דערציילט דעם קינד אַז ביז איצטער איז ער געווען אין מצרים, און היינט, אָט דעם טאָג, איז ער אַרויס פון מצרים לחירות, איז אַלע קשיות וואָס ער האָט - ווי אַזוי וועט ער קענען אויספירן די אַלע שוועריקייטן מיט די זאַכן וואָס לא הי' רגיל בזה, ער האָט דאָך דאָס קיינמאָל ניט געטאָן, און ביז מיט אַ רגע פריער האָט ער דערצו קיין שייכות ניט געהאַט;

פאַלן אָפּ ביי אים אַלע קושיות, וואָרום מ'זאָגט אים אַז היינט ביסטו אַרויס פון מצרים, און דער מדריך זיינער איז אַרויס פון מצרים, און אַלע אידן זיינען אַרויס פון מצרים, איז וואָס איז די ראי' דערפון וואָס ביז איצטער האָט ער ניט געהאַט די ענינים - ער איז געווען אין מצרים, איז ער געווען אין מצרים וגבולים, אָבער איצטער איז ער אַרויס פון מצרים, איז ער געוואָרן אַ נייער מענטש, אַ נייער קינד.

*שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו (אות ח')*

# כל ישראל

## - מעלת ילד יהודי -

וואָס דאָס איז ווי די ענינים זיינען בתורה שבע"פ, מענינא דיומא, וואָס ס'הויבט זיך אָן פון והגדת לבנך, וכאמור אַלע קינדער מאיזה סוג שיהי' זיינען אין דערויף נכלל, עד"ז איז אויך דא דער ענין וואָס דער אַלטער רבי שרייבט אין סידור אז ס'איז אַ מנהג מ'זאל לערנען פרקי אבות במשך פון ספירת העומר (וואָס דאָס איז לכל המנהגים, מערניט אַז ס'איז דאָ אַזוינע וואָס לערנען דאָס במשך כל הקיץ), וואָס די הקדמה לכל פרק ופרק איז "כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא שנאמר ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר""*, וואָס דאָס קען מען דאָך אויך מסביר זיין יעדער קינד, אפי' גאָר אַ קליינער, ער זאָל וויסן אַז ער איז אַ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר - פון דעם אויבערשטן, וואָס ווי גרויס ס'זאל ניט זיין זיין טאַטע הגשמי און זיין מוטער הגשמית כפשוטה, איז דאָך אבינו שבשמים שלא בערך גרעסער, און ער האט דעם זכות און דעם ענין וואָס ער איז "נצר מטעי מעשה ידי להתפאר", ביז אין אַן אופן אַז ער ווערט אַ נצחי - יש לו חלק בעוה"ב וואָס דאָס איז אַן עולם נצחי, וואָס דאָס איז אַ הסברה וואס מ'קען געבן צו פארשטיין אַ פיצל קינד משהגיע לכלל דעה ולכלל הבנה והסברה.

שיחת יום ה' ליל אדר"ח אייר, ה'תשל"ו (אות ט')

דערנאָך פרעגט אָבער דער קינד, וויבאַלד אַז ער האָט ערשט אָנגעהויבן לדבר, און שוין זאָגט מען אים אַז ער קען משבית זיין אויב ומתנקם ווי אַזוי ווערט דאָס בשעתא חדא וברגעא חדא גלייך ווען ער האָט אָנגעהויבן לדבר?

אויף דערויף זאָגט מען אים אַז כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, און דער טעם אויף דעם איז, דערפאַר וואָס ער איז נצר מטעי מעשה ידי להתפאר, וואָס ווען ווערט אַ איד נצר מטעי מעשה ידי להתפאר, איז דאָס גלייך משעה שנולד ויצא לאויר העולם, דאָס איז ניט פאַרבונדן מיט מתחיל לדבר, דאָס איז פאַרבונדן מיט דער לידה וואָס ער איז יצא לאויר העולם.

וואָס דערמיט קומט צו אַ ביאור (נוסף אויף דערויף וואָס מ'האָט אים פריער געזאָגט אַז ער ירש'נט די גאַנצע תורה) וואו האָט ער דעם כח אַז דורך תורה זאָל ער איבערמאַכן די שמים וארץ, מיט דעם מזל פון דעם אויב ומתנקם, מיט דעם אויב ומתנקם דאָ למטה, ביז וואַנען אַז ס'וועט ווערן להשבית אויב ומתנקם,

[ווי דיביידע טייטשן וואָס שטיין אין ילקו"ש אויף "והשבתי חי' רעה מן הארץ" - ועד"ז בנוגע צו מזמור שיר למשבית מזיקין מן העולם - צי מעבירם מן העולם, אַז ליום השבת ס'ווערט אויס מזיקין, אָדער אַז ס'איז דאָ זייער מציאות נאָר זיי זיינען ניט מזיק (ס'איז דאָ די חי' נאָר זי ווערט אויס (חי') רעה,

ועד"ז איז פאַרשטאַנדיק בנוגע צו "להשבית אויב ומתנקם"; אַז ס'ווערט אויס מציאות פון דעם אויב ומתנקם, און דער צווייטער פירוש איז, אַז ס'איז דאָ די מציאות, נאָר ער ווערט אויס אויב ומתנקם.

(וואָס דאָס פאַרבינדט דער ראָגאָטשאָווער מיט די פלוגתא פון ר"י מיט די חכמים בנוגע צו ביעור חמץ).

ביז אַז סוכ"ס קומט מען צו די שלימות וואָס וועט זיין בימות המשיח: "לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי", ואדרבה, "ונער קטן נוהג בם", אַז ס'ווערט דער ענין פון אתהפכא, און דער נחש ווערט אַ שמש גדול, ווי די גמרא זאָגט אַז קודם החטא איז דער נחש געווען אַ שמש גדול ביי אדה"ר (נאָר דערנאָך אבד), און ס'ווערט דער "גם אויביו ישלים אותו זה הנחש", ביז ונער קטן נוהג בם, און ער האָט דערפון אַ תועלת, אפי' ווען ס'ווערט זיך וועגן אַ קטן, אַן עולל ויונק].

איז דער כח אויף דעם דערפאַר וואָס ער איז נצר מטעי מעשה ידי להת־פאר, האָט ער דאָך אַן ענין נצחי, וואָס דאָס איז דאָך דער תוכן פון יש להם חלק לעולם הבא - אַן ענין נצחי, פונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער איז נצחי, איז אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט באַשאַפן שמים וארץ, אַזוי האָט ער דעם כח אויף איבערמאַכן שמים וארץ וכו' דורך זיין לימוד התורה. וואָס דערפאַר איז דאָס אויך פון די מאמרים וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן.

אַ דריי יאָריקער קינד, אַ צוויי יאָריקער קינד, משמתחיל לדבר, זאָגט שוין דער אויבערשטער אויף אים אַז דאָס איז "נצר מטעי מעשה ידי", און ער איז נאָך מוסיף - "להתפאר".

וואָס דאָס וואָס מ'זאָגט אַז כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב, זאָגט די גמרא אין סנהדרין אַז דאָס איז ניט נאָר דער וואָס איז שוין געוואָרן בר מצוה, נאָר אפי' נאָך קודם שמתחיל לדבר, האָט ער שוין אַ חלק לעוה"ב, [די שאלה איז נאָר צי משעה שנולד, צי משעת פקידה וכו', אָבער אַז ס'איז ניט פאַרבונדן מיט בר מצוה, איז גאָר קיין ספק ניט], און אויף אַזאַ קינד זאָגט דער אויבערשט־ער אַז נוסף וואָס ער איז "נצר מטעי", איז דאָס אַן ענין פון "להתפאר" - דער אויבערשטער באַרימט זיך און איז זיך מתפאר מיט אָט דעם אידן וואָס ער איז נאָך קודם שמתחיל לדבר.

שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו (אות ו')

# הבכן מהפסוקים הראשונים

וואָס דערפון קומט אויך אַרויס דער בכן, בדוגמא ווי מ'זאגט דעם בכן פון שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, בשעת מ'איז דאָס מסביר אין אותיות און סגנון פון בן ובת קטנה באַקומט ער א ליבשאפט, אַן אהבת ה', אַזוי ווי דער ענין איז אויך ביי גדולים בישראל אַז דערפון קומט אַרויס דער ואהבת", עד"ז ביי דעם ענין פון יצי"מ אז מ'איז אים מסביר אז "אילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים הרי אנו משועבדים היינו", האט ער אין זיך דעם רגש אז ער וועט אַלס טאָן - בהנוגע לפועל - פאַר דעם וואָס האָט אים אַרויסגענומען פון מצרים.

עד"ז אויך דאָס וואָס מ'איז אים מסביר דער ענין פון כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב, און מ'זאגט אים אַז אויב ער וועט זיך אויפפירן ווי ס'דארף צו זיין, אט דעמולט וועט ער זיצן מיט אלע גדולים בישראל לעולם הבא, משא"כ אויב ביי אים וועט עפעס פעלן בהנהגתו, וועט ער זיצן אַ פאַרשעמטער צווישן די אַנדערע קינדער, וואָס זיי האבן זיך אויפגעפירט ווי ס'דארף צו זיין, און דאָס איז ניט אַ ענין זמני, נאָר דאָס איז אַ ענין נצחי, איז דאָך פֿאַרשטאנדיק ווי אַזוי דאָס וועט ביים קינד מעורר זיין הנהגה טובה מתוך אהבה ומתוך חשק, סיי בנוגע צו תורה סיי בנוגע צו מצוות, און ענינים פון אידישקייט בכלל, כולל דעם ענין פון "כבד את אביך ואת אמך"

שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו (אות ט')

# כי קרוב אליך

## - יוקר והיכולת לקיים כל מצווה אפילו במחשבה -

י. ועד"ז אַן ענין אין תניא אנהויבנדיק פון דעם שער בלעטל (ווי דער רבי האט מסביר געווען אַז דאָס איז אויך פון אַלטן רבי'ן), וואָס ער זאַגט דאָרטן לבאר ווי אַזוי איז "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו"י", און מען מיינט דאָס בפשטות, און ווי ער זאגט אין תניא"י אַז "התורה היא נצחית", אז דאָס איז דא בכל מקום ובכל זמן, און דאָס קען מען דאָך מסביר זיין אויך אַ פּיצל קינד, אַז כאָטש אים ווילט זיך אַן ענין גשמי, אָדער אים ווילט זיך אַ צאַצקע, אדער אים ווילט זיך גיין שפילן וכו', זאל ער וויסן זיין אז קרוב הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו, ער דאַרף זיך נאָר אַריינטראכטן אין דעם יוקר פון דעם ענין פון אידישקייט און תורה ומצוותי'.

*שיחת יום ה' ליל אדר"ח אייר, ה'תשל"ו (אות י')*

וואָס אַ קינד פרעגט צי ס'איז געגוג דאָס וואָס במעשה וועט ער זיך פירן ווי ס'דאַרף צו זיין, וכאמור לעיל אַז עפ"י ההלכה איז אַ מעשה פון אַ קטן - אַ מעשה, משא"כ דיבור ועאכו"כ מחשבה, קען דאָך אַ קינד טראַכטן אַז זיין מחשבה איז זיכער ניט נוגע, עד"ז בנוגע צו זיין דיבור, איז מהיכי תיתי ער זאָל דאַרפן ריידן דברים קדושים וכיו"ב, אָדער עכ"פ דברים טהורים וכו' - ער טוט דאָך ניט קיין מעשה בפועל, איז בנוגע צו מעשה, מהיכי תיתי, וועט ער זיך משתדל זיין, אָבער אין דיבוד ומחשבה וועט ער זיך ניט משתדל זיין.

אויף דעם זאָגט מען אים "קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו", און מ'זאָגט אים אַז דאָס איז איינע פון די פסוקים וואָס שטיין אין תורת משה, וואָס תורת משה איז דאָך "מורשה קהלת יעקב", און ער איז אַ יורש דערפון, פונקט ווי זיין פאָטער איז אַ יורש, און ווי זיין עלטערער ברודער איז אַ יורש, און זיין מלמד איז אַ יורש, און די אַלע אידן הנמצאים סביבו,

און וויבאַלד אַז קרוב אליך הדבר, און נאָך מאוד, איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז דאָס זאָל זיין "קרוב" און דאָס זאָל זיין "מאוד", איז אַ סימן אַז ער דאַרף טאָן אין דעם, סיי אין לעשותו, און סיי אין בפיך (דיבור), און סיי אין בלבבך (מחשבה).

וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט "כי קרוב גו' בפיך ובלבבך לעשותו", וואָרום בשעת אַז ביי די עוללים ויונקים וועט זיין דער קרוב אליך הדבר מאוד, סיי אין

**לעשותו (מעשה), סיי אין בפיך (דיבור), סיי אין בלבבך (מחשבה), איז דאָס משבית סיי דעם אויב, (דיבור ומעשה), סיי דעם מתנקם (מחשבה).**

שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו (אות ח')

# והנה ה' נצב עליו

## - הקב"ה תלוי ונמצא בכל אחד ואחד -

עאכו"כ אויב מ'איז נאך דערצו מוסיף דאס וואָס ער זאָגט אין תניא אנהויב פרק מ"א, אז ביי יעדער אידן איז "והנה ה' נצב עליו"", און "בוחן כליות ולב אם עובדו כראוי", און בפרט נאָך לויט דעם פי' אין מדרש" אז נצב עליו איז בדוגמא פון אַ מרכבה - זאגט דאָך דא דער אַלטער רבי אן ענין נפלא - אז יעדער איד אין וועלכן מעמד ומצב ער געפינט זיך ניט, דאַרף ער וויסן זיין, אַז דאָס וואָס דער אויבערשטער איז נצב - מל' "נצב מלך" - אין תכלית התקיפות והמלכות, איז דאס עליו, הייגנט דאָס אַפּ און איז נשען אָן זיין הנהגה, לויט דעם לב שלו און כליות שלו - אם עובדו כראוי, וואָס דאָס קען מען דאָך אויך מסביר זיין אַ קליין קינד בשנים - וכאמור לעיל אז בנפשו בפנימיות, פארשטייט ער דאָס מיט אַלע פירושים ביז אין אופן הכי פנימי, אפי' ווי דאָס איז מלובש אין דעם שכל פון נפשו הבהמית, - און אפי' אז ער איז אַלט אינגאנצן אַ פּאָר יאָר, קען מען אים דאָס אויך מסביר זיין, ע"י דוגמאות פון זיין פארשטאנד אין זיינע ענינים חומריים, עכ"פ פון זיינע ענינים גשמיים, כמבואר ומובן ופשוט פאר יעדערן וואָס ווערט זיך אין דערויף מתבונן זיין.

ועאכו"כ פאַר אַ טאַטע מיט א מאמע וואָס זיי איז דאָך דער ענין נוגע אין אַן אופן נפשי, וועלן זיי דאָך זיכער דערגרונטעווען זיך ווי אזוי - לפי תכונות הנפש פון זייער קינד - קען מען דאָס צובריינגען צו אים בשלימות - לפי המצב שלו, ביז אין אַן אופן אַז דאָס וועט אויף אים האָבן אַ פעולה בהנהגתו היום יומית בדרכי נועם ומתוך אהבה.

*שיחת יום ה' ליל אדר"ח אייר, ה'תשל"ו (אות י')*

ז. דערנאָך איז דאָ נאָך אַן ענין, וואָס מ'דאַרף דאָס באַוואָרענען אפי' ביי גרויסע, עאכו"כ אַז מ'דאַרף דאָס באַוואָרענען בנוגע צו קינדער;

כמדובר כמ"פ אַז סדר אין תורה איז אויך בדיוק, און דערפון גופא קען מען אָפּלערנען כמה ענינים, זעט מען אַז דער סדר אין תורה - וואו ס'רעדט זיך וועגן דינים, וואָס דאָס איז דער שו"ע - איז, אַז ס'איז דאָ פיר חלקים, וואָס אין יעדער חלק זיינען דאָ כמה סמנים, און אין יעדער סימן זיינען דאָ כמה סעיפים;

איז דער ערשטער חלק פון די פיר חלקים, און דער ערשטער סימן פון דעם ערשטן חלק, און דער ערשטער סעיף פון דעם ערשטן סימן, איז וואָס באַוואָרנט

מען דאָרטן - דעם ענין פון "אל יבוש מפני המלעיגים".

און דאָס איז די התחלה פון גאַנץ תורה ומצוותי׳ וואָס ווערן דערנאָך אויסגערעכנט אין די אַלע חלקים און סמנים און סעיפים שלאח"ז. וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק אויף וויפל דאָס איז נוגע, און אויף וויפל מ׳דאַרף דאָס באַוואָרענען אפי׳ בנוגע צו גרויסע.

ווי אַזוי באַוואָרנט מען דאָס ביי אַ קינד, אַז בשעת ער געפינט זיך מיט אַ חבר, אָדער אַ מיידעלע געפינט זיך מיט אַ חבר׳טע, ס׳איז טאַקע אַ אידיש קינד, אָבער ער ווייסט נאָך ניט פון די פסוקים און פון די הנהגות וכו׳, במילא פירט ער זיך אין אַן אַנדער אופן, און דאָ דאַרף דאָך דער קינד טאָן אין אַן אופן שונה פון זיין חבר.

ובפרט נאָך אַז דאָרטן געפינען זיך צוויי אָדער דריי קינדער, און ער איז אַן איינציקער אָדער אַן איינציקע - איין אינגעלע צווישן עטלעכע אינגעלען וואָס דערווײַלע ווייסן זיי נאָך ניט פון אידישקייט, ועד"ז איין מיידעלע צווישן עטלעכע מיידעלעך וואָס דערווײַלע ווייסן זיי נאָך ניט וועגן אידישקייט, און ער דאַרף זיך ניט שעמען פון זיי, כדי אַז ניט נאָר ער זאָל זיך ניט נכשל ווערן, נאָר ער זאָל באַווייזן אַז ער פירט זיך ווי אַ בן אברהם יצחק ויעקב, ובת שרה רבקה רחל ולאה.

איז דערצו די איינפאַכע עצה - זאָגן דעם קינד אַז פונקט אַזוי ווי ס׳קוקן זיך צו צו זיין הנהגה די אינגעלעך און די מיידעלעך שמסביב לו, אָדער סביב לה, איז "הנה ה׳ נצב עליו... ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי".

זאָגט מען דעם קינד אַז אה"נ אַז דאָ געפינען זיך עטלעכע אידישע אינגעלעך און מיידעלעך, אָבער זיי ווייסן נאָך ניט פון די אַלע גוטע זאַכן, עאכו"כ אַז ס׳קען גאָר זיין אַז ער לעבט אין אַ שטאָט און אין גאַס וואו ס׳איז דאָ ניט קיין אידישע קינדער, איז ער "המעט מכל העמים", קענסטו זיך דאָך שעמען, זאָגט מען דעם קינד: אויב דו שעמסט זיך פאַר אַ אינגעלע און אַ מיידעלע, דאַרפסטו זיך דאָך זיכער שעמען פאַר דעם אויבערשטן וואָס ה׳ נצב עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי.

און וויפל דער קינד זאָל ניט זיין אַלט, אפי׳ עוללים ויונקים, איז כמדובר כמ"פ אַז אַ קינד פאַרגלייכט דאָס גלייך צו זיין טאַטן און מאַמען, נאָר ביתר שאת וביתר עוז, וואָס דערפאַר אַז מ׳פאַרטייטשט דעם קינד "אבינו שבשמים", איז דאָס ביי אים מובן בפשטות, אַז בדוגמא ווי ער ווייסט אַז דער טאַטע זיינער איז העכער און שטאַרקער און קליגער וכו׳, מיט אַלע מעלות ווי אַן עולל ויונק זעט

בנוגע לאביו ולאמו, זאָגט מען אים אַז ס'איז דאָ "אבינו שבשמים", פאַרשטייט אַ קינד אַליין (אפילו אָן איבעריקע הסברה) אַז וויבאַלד אַז ער האָט די מעלה פון אבינו, און דערצו איז ער נאָך בשמים, איז דאָך אַ זיכערע זאַך אַז ער איז שלא בערך העכער פון אַלע מעלות וואָס זיין פאָטער האָט.

עד"ז ובמכ"ש וק"ו, אַז ביי אים דאַרף זיין אל יבוש מפני המלעיגים, וואָס אַ קינד, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, בשעת מ'זאָגט אים אַז צוזאַמען מים (להבדיל) די אינגעלעך און די מיידעלעך, געפינט זיך דאָ דער אויבערשטער, ואדרבה, די אַנדערע קינדער, קען דאָך זיין אַז זיי שפּילן זיך, וועלן זיי גאָרניט באַמערקן, אָדער אַז זיי וועט ניט אַרן דאָס וואָס ער וועט טאָן אַנדערש, אָבער דער אויבערשטער איז דאָך בוחן כליות ולב אם עובדו כראוי, פּועל'ט דאָס אויף אים אַז לא יבוש מפני המלעיגים.

דערנאָך פרעגט ער: אויב אַזוי איז גענוג אַז בשעת ער געפינט זיך אין דעם גן ילדים, אָדער אין דעם חדר ותלמוד תורה וכו', אָדער ווען ער געפינט זיך צוזאַמען מיט'ן טאַטן, צוזאַמען מיט דער מאַמען, צוזאַמען מיט ערוואַקסענע - וועט ער זיך פירן סטאַטעטשנע, וואָס איז אָבער דער הכרח אַז בכל רגע ביום זאָל ער אַזוי טאָן, אמת טאַקע עס שטייט והנה ה' נצב עליו ובוחן כליות ולב, דאָ שטייט דאָך אָבער ניט די הדגשה אַז ה' נצב עליו כל רגע ורגע ביום.

שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו (אות ז')

# בראשית

## - יש בעה"ב לבירה זו -

מען זאָל מוסיף זיין דעם פסוק וואָס איז דער ערשטער פסוק פון תורה שבכתב - "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט: די הימלען מיט אַלץ וואָס עס געפינט זיך אויפן הימל, און די ערד מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער ערד.

וואָס דאָס האָט אַ דירעקטע שייכות מיט דער טאָג טעגליכער אויפפירונג וואָרום אַ קליינער אינגעלע אָדער אַ קליינע מיידעלע, אָדער אפילו ערוואַקסענע מענטשן, קענען זיך דערשרעקן אַז מ'דערזעט אַ גרויסע וועלט אַרום זיך, און אין דער וועלט זיינען דאָ זאַכן וואָס זיינען ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין, ווי דער לשון הגמרא "עולם שמם", אַ וויסטע וועלט. דערמאָנט דער פסוק אַז די וועלט האָט אַ בעה"ב וואָס ער האָט איר באַשאַפן, און דאָס איז דער אויבערשטער, און דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה מיט וועלכע מ'קען פירן די וועלט, און מ'קען דורך דערויף אויפטאָן אין "את הארץ" - אין אַלע זאַכן וואָס זיינען דאָ אונטן אויף דער ערד, און אין "את השמים" - פועל זיין ביי דעם אויבערשטן אין הימל, ער זאָל געבן ברכה און הצלחה.

שיחת ל"ג בעומר, (בעת הפּאַראַד) ה'תשל"ו (אות ז')

וואָס דאָס ווערט די הכנה אַז מ'קען אים מסביר זיין אַז וויבאַלד "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ" - דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, דעם הימל מיט דער ערד און די אַלע זאַכן וואָס געפינען זיך דאָרטן, איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק אַז דער אויבערשטער איז דער בעה"ב פון וועלט, וואָס דאָס פאַרשטייט דאָך אפי' אַן עולל ויונק, אַז וויבאַלד דער אויבערשטער האָט דאָס באַשאַפן, איז ער דער בעה"ב דערפון, און ער ווייסט דאָס במכש"כ וק"ו פון די ענינים העומדים ברשותו, אָדער די וואָס זיינען ברשותו של אביו. און ער ווייסט אויך אַז ער איז דער יורש פון דער גאַנצער תורה אין וועלכע ס'שטייט דער בראשית ברא אלקים;

ווערט דאָס די התחלה צו להשבית אויב ומתנקם, אע"פ וואָס דער אויב ומתנקם איז איהו לא חזי, ער ווייסט ניט אַז ס'איז צוגעקומען נאָך אַ קינד בי־שראל וואָס זאָגט די פסוקים און די מאמרי חז"ל, ובכללות אַז דער קינד שטייט אין אַ תנועה פון "יסדת עוז", אַז ביי אים איז דער אין עוז אלא תורה - אַן ענין

של יסוד אויף משך כל ימי חייו וואָס וועלן קומען נאָך דערויף, איז אָבער מז־לייהו פון דעם אויב ומתנקם חזי אַז ס'איז צוגעקומען נאָך אַן עולל ויונק וואָס ביי אים איז יסדת עוז.

און מען דערמאָנט דעם אויב ומתנקם אַז ער איז אַ טייל פון הארץ וצבאי', וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט צבא מרום במרום - מיט מזלי' שבשמים, וואָס דאָס ווערט נכלל אין השמים וכל צבאם, איז דורך דערויף וואָס מזליהו חזי אַז ס'איז צוגעקומען נאָך אַ איש צבא בישראל - אַן עולל ויונק - אין זיין אופן פון להשבית, פועל'ט דאָס דעם ענין במציאות, אַז ס'ווערט דער "להשבית אויב ומתנקם".

שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו (אות ו')

# ושננתם לבניך

## - לימוד התורה -

ח. און דערפאַר דאַרפן קינדער, תלמידים און תלמידות, קומען צו גיין צו זייערע עלטערן, און זאָגן זיי דעם צווייטן פסוק (וואָס זיי וועלן אויך איינ׳חזר׳ן אויף אויסענווייניק) וואָס קומט אין פאָרזעצונג פון דעם פסוק "שמע ישראל" וואָס דאָס איז דער פסוק "ושננתם לבניך"

און בעטן ביי דעם פאָטער ביי דער מוטער, אַז זיי זאָלן טאָן דאָס גרעסטע און בעסטע, אַז מ׳זאָל לערנען תורה "לבניך" מיט די קינדער, און אויך "לבניך אלו התלמידים", מיט די אַלע מיט וועלכע מ׳דאַרף לערנען נאָך אַ זאַך אין תורה,

און לערנען דאָס אין אַזאַ אופן אַז דאָס וועט זיין (ווי דער המשך און דער סיום פון פסוק) "ושננתם לבניך. .. בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך", אַז מ׳וועט דאָס לערנען און אויס׳חזר׳ן אויף אויסווייניק, און דאָס וועט איינגעקריצט ווערן אין האַרצן און אין קאָפּ, אַז סיי ווען די קינדער און די תלמידים און זייערע עלטערן וועלן זיך געפינען "בביתך", סיי ווען זיי וועלן זיין "בלכתך בדרך", אַז מ׳וועט זיין אין וועג, סיי "בשכבך ובקומך" - אַז מ׳וועט זיך לייגן שלאָפן מיט אַ וואָרט פון תורה, און מען וועט אויפשטיין מיט אַ אָנווייזונג פון תורה.

און בשעת קינדער וועלן דאָס פאַרלאַנגען ביי די עלטערן מיט האַרציקייט, ווי קינדער זיינען געוואוינט, איז אַ זיכערע זאַך אַז זיי וועלן אויספירן, און די עלטערן וועלן זיי אַריינגעבן זומער אין אַזוינע "מחנות", אין אַזוינע קעמפּס, וואָס דאָרטן וועט זיין אַ תורה רוח, און אַ תורה שטימונג, און אַ אויפפירונג ע"פ תורה. און אויך צו דער שנת הלימודים (צום לערן יאָר) - פאַרשרייבן זיי אַז זיי זאָלן לערנען אין אַ בית ספר און אין אַן אָרט וואו מ׳לערנט תורה און מצוות און אידישקייט.

שיחת ל"ג בעומר, (בעת הפּאַראַד) ה׳תשל"ו (אות ח׳)

זאָגט מען אים, אַז דער אויבערשטער האָט אים אנגעזאָגט "ושננתם לבניך", בשעת מ׳לערנט מיט אים די תורה וואָס "מורשה קהלת יעקב" - ער איז דער יורש, דאַרף דאָס זיין "בשבתך בביתך", בשעת ער געפינט זיך אין אַ בית, אָדער ביי זיך אין דער היים, אָדער אין הויז פון דעם מלמד, פון דער ישיבה, פון דעם גן ילדים, און אפי׳ "בלכתך בדרך", ווען ער גייט אַרויס אין גאַס שפּילן זיך, און אפי׳ "בשכבך" ווען ער לייגט זיך שלאָפן און ווען ער ווערט איינשלאָפן, דאַרף ער

איינשלאָפן ווערן מיט דעם "ושננתם לבניך", מיט דאָס וואָס ער האָט געלערנט וואַכעדיקערהייט, ביז וואַנען אַז "ובקומך" - דער ערשטער רגע וואָס ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף - וואָס דער רגע ווערט אָנגערופן ובקומך - "בשעה שבני אדם עומדים" - כאַפּט ער זיך אויף מיט אַן ענין פון תורה און פון אידישקייט.

שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו (אות ח')

# יגעתי

## - לא להתפעל מירידות נסיונות וקשיים -

ט. און אַז ס'וועט קומען צוגיין אַ קינד און וועט זיך באַטראַכטן, אַז ס'איז געווען אַמאָל אין זיין לעבן וואָס ער האָט געטאָן אַ זאַך ניט ווי ס'דאַרף צו זיין טאָר ער זיך ניט דערשרעקן, און ח"ו אַז דערפאַר זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן זיין שטאַרקייט אין טאָן, אין לערנען תורה אין מקיים זיין מצוות.

און אַז ער וועט פרעגן: סטייטש, ס'איז דאָך געווען אַמאָל ווען ער איז דורך געפאַלן?!

וועט ער אויס'חזר'ן דעם מארז"ל וואָס די גמרא זאָגט אַז "לא יגעתי ומצאתי אל תאמין": אויב ער האָט ניט געפונען ביי זיך די כוחות (די שטאַרקייט) אויף פירן זיך ווי ס'דאַרף צו זיין, לויט תורה און אידישקייט, איז דאָס אַ זיכערע זאַך אַז ער האָט זיך ניט אָנגעשטריינגט ווי מ'דאַרף זיך אָנשטריינגען, וואָרום (ווי ער איז מסיים אין דעם צווייטן העלפט פון דעם מארז"ל, אַז) "יגעתי ולא מצאתי אל תאמין"; "יגעתי ומצאתי תאמין" - אויב ער וועט זיך נאָר אָנשטריינגען, איז אַ זיכערע זאַך אַז ער וועט געפינען.

שיחת ל"ג בעומר, (בעת הפאַראַד) ה'תשל"ו (אות ט')

דערנאָך איז דאָ איינע פון די שווערסטע זאַכן וואָס ס'איז שווער צו פּועל'ן ביי אַ קינד (ווי מ'זעט דאָס במוחש), אַז אַ זאַך וואָס איז זיינע, זאָל ער דאָס אָפּגעבן אַ צווייטן; מ'קען ביי אים לייכטער פּועל'ן אַז ער זאָל לערנען מיט אַ צווייטן, וואָרום דעמאָלט פעלט דאָס ניט ביי אים, ואדרבה, ער פילט ביי זיך אַז ער איז געוואָרן אַ מנהיג, אַ מדריך, אַ לערער, בדוגמא ווי זיין פאָטער לערנט מיט אים, איז פועל זיין ביי אַ קינד אַז ער זאָל לערנען מיט אַ צווייטן קינד ווי אַזוי צו מקיים זיין אַ מצוה, דאָס דאַרף טאַקע האָבן אַן אָנשטריינגונג, דאָס דאַרף נעמען צייט וכו', אעפ"כ דאָס איז אים ניט אויף אַזויפיל נוגע;

אָבער פועל זיין ביי אַ קינד אַז בשעת ער באַקומט זיין "אַלאַענס" (ווי מ'רופט דאָס אָן בלשון המדינה), ער האָט באַקומען עטלעכע פרוטות באַקומען אַ דאָלער, קומט מען צו אים צוגיין און מ'זאָגט אים, הער זיך איין, גיב צדקה, וועמען געבן צדקה אַ באַקאַנטן, אַ גוטן פריינד - ניין! ס'איז דאָ איינער וואָס איז אַן אָרעמאַן, ביסט אים גאָרניט שולדיק, האָסט אים קיינמאָל ניט געזען, ס'איז אָבער אָנגעקומען אַ ידיעה אַז ער דאַרף האָבן געלט, ס'פעלט אים פרנסה,

במילא נעם די געלט וואָס דו האָסט באַקומען אַלס אַ פּרייז ער האָט געלערנט פסוקים אויף אויסוויייניק האָט מען אים דערפאַר געגעבן אַזוי פיל געלט נעם אָט די געלט וואָס דו האָסט אויף זיי געהאָרעוועט, און גיב דאָס אָפּ אַ צווייטן, און בעט ניט ביי אים קיין תשלומין דערפאַר - איז דאָס ביים קינד אַ נסיון גדול ביותר, --וואָרום ס'איז היפך טבעו, ווי מ'זעט דאָס בפועל.

און אויף דעם זאָגט מען אים לא יגעת ומצאת אל תאמין; מ'זאָגט אים אַז צדקה איז איינע פון די מצוות, ואדרבה, דאָס איז די גרעסטע מצוה, וואָרום זי איז שקולה כנגד כל המצוות, שרייט ער אַז ער קען דאָס ניט טאָן, והראי' - זאָגט ער - אַן אַנדער זאַך האָט מען ביי אים גע'פּועל'ט, ער זאָגט שמע ישראל, ער זאָגט די אַלע פסוקים מיט די מאמרי חז"ל, מיט די מאמרים פון תניא, ער האָט אויך גע'פּועל'ט אויף כו"כ קינדער אַז זיי זאָלן אַזוי אויך טאָן, ס'קומט אָבער צו מבצע צדקה, אָט דאָ פאַרהאַקט זיך דער ענין,

אויף דעם זאָגט מען אים לא יגעת ומצאת אל תאמין - אַ סימן אַז דו האָסט ניט געהאָרעוועט מיט זיך, אָבער ניט אַז דו קענסט דאָס ניט טאָן ח"ו, וואָרום דו ביסט דאָך "נצר מטעי", ביסט "מעשה ידי", דער אויבערשטער באַרימט זיך מיט דיר, און דו דאַרפסט מאַכן אַ דירה לו ית' בתחתונים, ד.ה. אַז וואו נאָר ס'איז דאָ עפּעס אַ זאַך, דאַרף דאָס ווערן דעם אויבערשטנ'ס אַ דירה, איז בשעת דו האָסט געלט און דו ווילסט ניט געבן צדקה פון די געלט, איז ווי ווערט דער אויבערשטער באַקומען זיין דירה דאָרטן,

שרייט ער, אויב אַזוי פאַרוואָס אַלע איבעריקע זאַכן האָט ער געטאָן, און האָט געטאָן בשמחה גדולה ביותר, און דאָ האָט ער זיך פאַרהאַקט? זאָגט מען אים אַז ס'איז דאָ אַ כלל אין דער זעלבער תורה "לא יגעת ומצאת אל תאמין", ס'איז דאָ זאַכן וואָס דאַרפן האָבן ווייניקער האָרעוואַניע, און ס'איז דאָ זאַכן וואָס דאַרפן האָבן אַ סאַך האָרעוואניע, און ס'איז דאָ זאַכן וואָס דאַרפן האָבן גאָר אַ גרויסע יגיעה.

און וויבאַלד אַז דאָס איז אַ מצוה אין תורה, און אים קומט דאָס אָן שווער, איז דאָס גופא אַ הוכחה אַז מ'האָט אים געגעבן כחות אַז ס'זאָל זיין דער יגעת, און ס'איז אַ זיכערע זאַך אַז ס'קען ניט זיין יגעת ולא מצאת, ס'איז אום מעגליך ער זאָל דאָס ניט קענען פּועל'ן ביי זיך, ס'דאַרף נאָר זיין דער "יגעת", איז אַ זיכערע זאַך אַז ס'וועט זיין "ומצאת".

*שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו (אות ז')*

# ואהבת

## - לדאוג גם בעבור הזולת -

י. און ווי געזאָגט פריער אַז מ'דאַרף זיך ניט באַגנוגענען מיט זיך אַליין, נאָר מ'דאַרף טאָן די זעלבע זאַך אויך מיט חברים און מיט חבר'טעס, מיט דער סביבה און מיטן גאַנצן אַרום - זאָגט מען אַז דאָרטן דאַרף ער אויך טאָן מיט די גאַנצע לעבעדיקייט, און מיט די זעלבע האַרציקייט, און מיט דער זעלבער יגיעה, ווי רבי עקיבא זאָגט אין אַ צווייטן מארז"ל: "ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה", אַז ער דאַרף ליב האָבן דעם חבר, אָדער אַ מיידעלע איר חבר'טע, און אַזוי אַלע אַרום זיך, און דאָס דאַרף זיין "כמוך", אַזוי ווי מ'האָט ליב זיך אַליין, און אויף דעם זאָגט רבי עקיבא אַז דאָס איז אַ גרויסער כלל אַן עיקר'דיקער כלל אין תורה (אין לערנונג),

איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק אַז פּונקט ווי ס'דאַרף זיין "יגעתי" בהנוגע צו זיך, אַזוי דאַרף אויך זיין "יגעתי" בהנוגע צו דעם אַרום זיך.

שיחת ל"ג בעומר, (בעת הפּאַראַד) ה'תשל"ו (אות י)

# וזה כל האדם

## - חשיבות הפעולה על העולם,
## הכל לצורך עשיית דירה לו ית' -

יא. דערנאָך זאָגט מען איהם (ווי געזאָגט פריער) אַז דאָס איז די גרעסטע שליחות וואָס אַ איד קען האָבן, ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין דער דריי און דרייסיקסטן פרק פון זיין ספר התניא - וואָס דאָס איז אויך כדאי אויס'חזר'ן אויף אויסווייניק - "אַז תכלית בריאתו" (של האדם), דער צוועק און דער תכלית וואָס אַ מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, און ווי ער זעצט גלייך פאָר "ותכלית בריאת כל העולמות", צוליב דערויף זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע וועלטן, איז - "להיות לו דירה זו בתחתונים", דורך אידישקייט, און דורך תורה ומצוות, ד.ה. אַז די כוונה פון בריאת העולם איז, כדי מ'זאָל מאַכן פון זיך, און פון דער אייגענער הויז, און פון דער גאַנצער וועלט, אַן אָרט וואָס דער אויבערשטער זאָל זיך דאָרטן געפינען פונקט ווי איינער געפינט זיך אין זיין אייגענע דירה.

שיחת ל"ג בעומר, (בעת הפאַראַד) ה'תשל"ו (אות י"א)

פרעגט אָבער דער קינד, ער האָט דאָך צו טאָן כו"כ ענינים, ער דאַרף זיין אוכל ושותה, ער דאַרף זיך שפילן, און מען קען ניט פועל זיין ביי אַן עולל ויונק ער זאָל זיך אויפהערן שפילן, וואָרום ס'איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה, אַזוי האָט דער אויבערשטער באַשאַפן קטנים,

ווי דער רמב"ם זאָגט אין פיהמ"ש אַז ווי אַזוי קען מען מחנך זיין אַ קינד, דאַרף מען אים צו זאָגן אַז מ'וועט אים געבן ממתקים, דערנאָך וועט מען אים געבן ממון, וואָס דאָס זיינען ענינים וואָס האָבן ניט קיין תוכן מצד עצמם, דאָס איז אָבער דער אופן החינוך בשעת מ'האָט צו טאָן מיט אַ קינד, דאַרף ער האָבן די צייט וואָס ער שפילט זיך מיט ממון, ועד"ז - שפּעטער אַביסל - מיט כבוד, כדי אַז דערווייַלע זאָל ער לערנען שלא לשמה.

וואָס דאָס זאָגט דאָך דער רמב"ם, וואָס ער איז דאָך אַ פוסק, אמת טאַקע פירוש המשניות איז ניט קיין ספר של פסקים, אָבער דאָרטן וואו ס'איז ניט קיין סתירה צום ספר היד, נעמט מען אַרויס דעת הרמב"ם פון פי' המשניות און מ'פסק'נט אַזוי. ובפרט נאָך אַז דערפון קומט אַרויס די הוראה אין שו"ע לעולם יעסוק אדם בתורה ומצוות שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה.

וואָס דערפאַר איז מען מסביר אַ קינד, אַז אַלע זיינע ענינים, אפי' דאָס וואָס ער שפילט זיך האָבן זיי אַ תכלית; אמת טאַקע ער עסט און טרינקט און שפילט

זיך און גייט שפּאַצירן, און מ'גיט אים נאָך אין דערויף דערפאַר וואָס דערנאָך וועט ער לערנען געשמאַקער וכו', ס'איז אָבער דאָ תכלית בריאתו;

וואָס אַ קינר ווייסט דאָך אויך אַז ס'איז דאָ ענינים טפלים, און ס'איז דאָ ענינים וואָס דאָס איז דער תכלית, פּונקט אַזוי ווי דער רמב"ם זאָגט אַז דורך דערויף וואָס מ'גיט אים ממון אָדער ממתקים, ווערט ביי אים דער ענין הלימוד, וואָס איז אָבער ביי אים דער עיקר לפי שעה, איז דאָס דער ענין הממון, דער ענין הממתקים, דער ענין וואָס איז שלא לשמה.

איז מען אים מסביר אַז ס'איז דאָ נאָך אַ העכערע תכלית, וואָס דאָס איז תכלית בריאתו לעשות לו ית' דירה בתחתונים, דורך דעם וואָס ער וועט זיך פירן אַזוי ווי אַ אידיש קינד דאַרף זיך פירן.

צוליב דערויף דאַרף ער דאָך אויך זען אַז די וועלט זאָל זיין אין אַזאַ אופן, וואָס דערפאַר איז מען מוסיף אַז דאָס איז אויך דער הכלית פון בריאת כל העולמות העליונים ותחתונים.

און וויבאַלד אַז דאָס איז דער תבלית פון זיין לעבן און פון זיין באַשאַפן ווערן, און דער תכלית וואָס די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ד.ה. ניט נאָר אַז דער אויבערשטער האָט איר באַשאַפן, איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז ער איז דער בעה"ב דערפון, אָבער דעמאָלט דאַרף מען האָבן אַ ראי' אַז אין וועלט דאַרף מען לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, איז אויף דעם זאָגט מען אים אַז דאָס איז דער תכלית צוליב וועלכע די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

און וויבאַלד אַז דער אויבערשטער איז דאָרטן דער בעה"ב, איז אַ זיכערע זאַך אַז מ'קען דאָס אויספירן, אע"פ וואָס אין וועלט איז דאָך דאָ כו"כ ענינים וואָס ביי אַ קינד ווייזט זיך אויס אַז דאָס זיינען ענינים הכרחיים, זאָגט מען אים אָבער אַז דער תכלית פון אַלע ענינים פון וועלט, און פון אַלע זיינע ענינים, אכילתו ושתיתו און זיין שפּילן מיט די צאַצקעס וכו', איז דער תכלית דערפון - לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

און בשעת דער אויב ומתנקם דערהערט אַז דאָס וואָס ס'איז דאָ אַ מציאות פון אויב ומתנקם, איז דאָס ניט ח"ו כדי מ'זאָל דערפאַר לערנען איין פסוק ווייני־קער, אָדער מקיים זיין איין מצוה ווייניקער, נאָר דער תכלית פון די מציאות פון דעם אויב ומתנקם איז, כדי אַז אַן עולל ויונק זאָל ניט נתפעל ווערן פאַר דעם אויב ומתנקם, און אַז ביי דעם עולל ויונק זאָל זיין "יסדת עוז", וואָס דעמאָלט וועט זיין דער "להשבית אויב ומתנקם". וכאמור לעיל אַז אע"ג דאיהו לא חזי איז מזלייהו חזי.

און דאָס פּועל׳ט איןביידע אופנים: צום אַלעם ערשטן פּועל׳ט דאָס אַז ס׳ווערט בטל דער היזק, דערנאָך פּועל׳ט דאָס נאָך מערער, וויבאַלד אַז מ׳איז מסביר דעם קינד אַז דאָס איז תכלית בריאת כל העולמות;

און מ׳זאָגט אים אַז בשעת ער זעט אַז ס׳גייט אַרום אַ כלב, דערשרעקט ער זיך דאָך פאַר אים, זאָגט מען אים אַז אויב דו וועסט זיך פירן ווי אַזוי ס׳דאַרף צו זיין, וועט דיר דער כלב ניט מזיק זיין, ואדרבא, ער וועט אים נאָך היטן, וואָס דאָס איז אין אַ סגנון פון אַ קינד,

און בשעת מ׳זעצט אים דערנאָך איבער, אַז ס׳איז דאָ איינער וואָס איז זיין טאַטן׳ס אַ אויב ומתנקם, במילא איז ער זיינער אַ אויב ומתנקם, אָבער תכלית בריאתו פון דעם כלב און פון דעם אויב ומתנקם איז, לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים, איז דעמאָלט בפשטות אַז ער דערשרעקט זיך ניט פאַר אים, און נאָכמער, ער הויבט אָן טאָן אין דערויף אַז ס׳זאָל ווערן דער ״להשבית אויב ומתנקם״ אין די דרגא עליונה אַז ״נער קטן נוהג בם״, אפי׳ אַן עולל ויונק, און ער טוט דאָס מתוך שמחה.

און וויבאַלד אַז מזלייהו חזי, איז די התנגדות פון דעם נחש ופמליא דילי׳, מיט אַלע ענינים וואָס קומען אַרויס פון דעם ערשטן נחש, ווערט דאָס אין אַן אופן פון ״וגם אויביו ישלים עמו״.

שיחת י״ג תמוז ה׳תשל״ו (אות ו׳)

# ישמח ישראל

## - שמחה בעבודה -

און מ׳דאַרף דאָס טאָן ניט ווי מ׳טוט אַ זאַך וואָס איז אַן אָנזאָג, אָן אַ געשמאַק אין דעם, אָדער מיט אַ קליינעם געשמאַק נאָר ווי דער אַלטער רבי זאָגט דאָרט דערנאָך אַ צווייטן כלל אין אַ צווייטן מאמר - וואָס ס׳איז אויך כדאי אים אויס׳חזר׳ן אויף אויסווייניק - אַז ס׳דאַרף זיין ״ישמח ישראל בעושיו״, און ווי ער טייטשט דאָס אָפּ: ״פירוש שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה׳ אשר שש ושמח בדירתו בתחתתים״, אַז יעדערער וואָס געהערט צום אידישן פאָלק, אָן קיין אונטערשייד ווי זיין צושטאַנד איז געוועו מיט אַ טאָג פריער, ווי זיין ערציאונג איז געוועו מיט אַ טאָג פריער, אָדער אפי׳ מיט אַ מינוט פריער, וויבאַלד ער איז ״מזרע ישראל״, ער געהערט צום אידישן פאָלק, האָט ער די ספּעציעלע שליחות אַז ער דאַרף זיך פרייען ״בעושיו״, מיט די שמחה (מיט די פרייד) וואָס דער אויבערשטער האָט, בשעת מ׳פירט אויס די שליחות אויף מאַכן פון זיך און פון זיין הויז און פון דער גאַנצער וועלט - אַ דירה פאַר דעם אויבערשטן, דורך אידישקייט און דורך תורה ומצוות.

ד.ה. אין אַנדערע ווערטער, אַז יעדער תלמיד ותלמידה, סיי אין יאָרן און סיי אין ידיעה, דאַרפן טאָן אין די אַלע זאַכן, דערפאַר וואָס צוזאַמען דערמיט ווייל צוליב דערויף זיינען זיי באַשאַפן געוואָרן און ס׳זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע וועלטן, איז דאָ נאָך אַ צווייטער ציווי אַז אויב זיי ווען זיך אַריינטראַכטן אין דערויף, וועלן זיי שטיין אין אַ שמחה גדולה, און מ׳וועט דאָס טאָן מיט אַ גרויסע שמחה, און נאָכמערער דאָס איז ניט גאָר זייער שמחה, נאָר זיי פרייען זיך ״בעושיו״, מיט דער שמחה פון דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט באַשאַפן את השמים ואת הארץ, און האָט אויסגעקליבן יעדערן מזרע ישראל, אַז ער זאָל מאַכן פון דער וועלט אַ דירה בתחתונים, אָנהויבנדיק פון קליינע קינדער אינגלאַך און מיידלאַך,

אַז זיי שטייען אין אַ שמחה גדולה, וויסנדיק אַז צוזאַמען מיט זיי - און דער ערשטער פרייט זיך דערמיט דער אויבערשטער, וואָס דעמולט טוט מען דאָס מיט אַ פריילעכקייט, און מיט אַ שטאַרקייט, און מיט אַ לעבעדיקייט, ובמילא - איז מען נאָך מער מצליח.

*שיחת ל״ג בעומר, (בעת הפּאַראַד) ה׳תשל״ו (אות י״א)*

דערנאָך זאָגט מען אַ קינד, אַז כדי ער זאָל מצליח זיין, און כדי ער זאָל וועלן טאָן, איז אמת טאַקע אַז ער קען דאָס טאָן מפני יראת הרצועה, און דעמאָלט טוט דאָס אויך אויף די ענינים, דאָס איז אָבער ניט כמאן דבעי למיעבד, און ווי אַזוי וועט אַ קינד טאָן כמאן דבעי למיעבד בשעת אַז מ'וועט אים זאָגן אַז ס'דאַרף ביי אים זיין (און דאָס איז אַזוי) אַן ענין של שמחה גדולה,

און ניט נאָר אַ שמחה ביי אים און ביי זיין טאַטן און מאַמען, וואָס ביי אַ קינד איז דאָס די גרעסטע זאַך וואָס קען זיין אין וועלט, אַ חוץ פון דעם אויבערשטן, וואָרום דאָס ווייסט ער אַז דער אויבערשטער ווערט אָנגערופן בשם "אויבערשטער", ווייל ער איז העכער פון זיין טאַטן און מאַמען כביכול,

איז בשעת מ'זאָגט אים אַז ס'דאַרף זיין אַ שמחה, און די שמחה איז "ישמח ישראל בעושיו" - די שמחה וואָס אידן פרייען זיך אין די שמחה פון דעם אויבערשטן וואָס מ'מאַכט אים אַ דירה בתחתונים, איז דורך דעם וועט דער קינד טאָן אין דעם מיטן גאַנצן שטורעם ווי מ'טוט אַן ענין בשמחה, וואָס שמחה איז דאָך פורץ גדר אפילו ביי אַ בעל שכל און אַ בר דעה לאחרי י"ג שנה, עאכו"כ קודם שנעשה בן י"ג שנה, ווען ער איז נאָך אַן עולל ויונק, איז דאָס פורץ כל הגדרים, במילא טוט ער דאָס מיט אַ שמחה גדולה ביותר.

און בשעת ער טוט מיט אַ שמחה גדולה ביותר, איז ניט נאָר אַז ער טוט דאָס אַליין, און ניט נאָר אַז ער פּועל'ט דאָס אויף די קינדער הנמצאים בסביבתו, אַז זיי זאָלן דאָס אויך טאָן, נאָר ער איז פורץ כל הגדרים, און לויפט אַרום ווי אַ קינד בשמחתו, און לויפט בכל קצוות המקום צו וועלכע ער קען דערגרייכן, אויף צו געפינען נאָך אַ קינד אָדער אפי' אַ גדול, וואָס ער וועט אים קענען דערציילן בהתפעלות וועגן די פסוקים און די מאמרי חז"ל וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, און ער וועט אים זאָגן אַז דאָרטן שטייט אַ געוואַלדיקע זאַך, אַז דורך דערויף וואָס ער וועט לערנען תורה, און מקיים זיין אַ מצוה, און טאָן אַ ענין אין וועלט, וועט דער אויבערשטער אַליין זיין שמח מיט אַ שמחה גדולה ביותר.

וואָס דעמאָלט טוט זיך אויף ניט סתם אַן ענין פון תורה ומצותי', נאָר אין אַן אופן פון פריצת כל המדידות והגבלות, איז בשעת ס'קומט אַן ענין וואָס איז למעלה ממדידה והגבלה, איז דעמאָלט אינגאַנצן ניט שייך די מציאות פון אַ אויב ומתנקם, וואָרום אַ מציאות פון לעו"ז איז שייך נאָר גאך דערויף ווי ס'איז דאָ דער צמצום, וואָרום קודם הצמצום איז דאָ מערניט ווי אור, אַז ס'ווערט אָבער אַ ענין פון צמצום, דעמאָלט ווערט דאָס אַ התחלה און אַ שורש אויף צמצומים און דינים און גבורות, ביז וואַנען אַז ס'קען אַרויס קומען דער ענין פון זה לעו"ז עשה אלקים, אָבער קודם הצמצום, קודם הגדרים, איז דאָס ניט שייך.

עאכו"כ אַז ס'איז געווען אַן ענין של גדר, און די שמחה האָט דאָס פורץ געווען, איז דאָס נאָכמער, בדוגמא ווי געגרעדט פריער אַז אַ שטר שיצא עליו ערעור, און דערנאָך האָט דאָס באַקומען אַ אישור פון ב"ד, איז ער נאָכמער בתוקף ווי אַ שטר איז מצ"ע אָן דעם ערעור, וואָס מה"ת איז דאָך אַ שטר כשר אויך אָן ברענגען דאיות וכו', דאָס קומט אָבער ניט צו דעם תוקף פון אַ שטר שיצא עליו ערעור, און לפי שעה האָט מען גאָרניט געקענט טאָן, און דערנאָך האָט מען אים מאשר געווען בב"ד, וואָס דעמאָלט באַקומט ער אַ תוקף גדול ביותר. ועד"ז איז אויך דער אויפטו פון שמחה פורץ גדר, אַז ס'איז געווען פריער אַ גדר, און אַהינצו איז געקומען די שמחה, און האָט פורץ געווען דעם גדר.

וואָס דעמאָלט פועל'ט דאָס דעם "להשבית אויב ומתנקם" אין אַן אופן נעלה ביותר.

וואָס דאָס איז נוגע צו דעם מרץ און צו דעם שטורעם מיט וועלכן דער קינד וועט טאָן אין דעם, וואָס דערפאַר דאַרף ער וויסן אַז ואהבת לרעך כמוך איז כלל גדול בתורה, דאַרף ער טאָן אַז אַ צווייטער אידישער קינד זאָל אויך אַזוי טאָן, און דערפאַר דאַרף ער וויסן אַז ישמח ישראל בעושיו, וואָס דאָס איז שמחתו של הקב"ה, און דערפאַר דאַרף ער וויסן אַז אפי' בשעת ער עסט און טרינקט און שפּילט זיך, און מ'ערלויבט אים דאָס טאָן, וואָרום דאָס איז ניט אין סדרי הלימוד פון דעם חדר אָדער פון דעם גן ילדים אָדער ילדות וכו', איז אויך דעמאָלט תכלית בריאתו כדי ס'זאָל זיין אַ דירה לו ית' בתחתונים, און מ'זאָגט אים אַז ער איז נצר מטעי מעשה ידי להתפאר, און דאָס ווערט גלייך ווי ער ווערט באַשאַפן, וואָס דאָס איז ווען יצא לאויר העולם, וואָס דעמאָלט איז ער געוואָרן אַ נשמה בגוף.

שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו (אות ו')

וואָס דאָס איז וואָס די אַלע מאמרי חז"ל עאכו"כ די פסוקים און אויך די מאמרים פון תניא, האָבן זיי אַ שייכות מיוחדת צו "להשבית אויב ומתנקם", מצד דערויף וואָס מזלייהו חזי. ס'דאַרף אָבער אַראָפּקומען אין אויר העולם, וואָס דעמאָלט איז מזלייהו חזי, ווי תוס' זאָגט אַז מלאכים ווייסן ניט קיין מחשבה, נאָר בשעת דאָס קומט אַרויס בדיבור, דעמאָלט איז מזלייהו חזי, פועל'ט דאָס אויף דעם אויב ומתנקם דאָ למטה.

וואָס די ענינים זיינען אויך פאַרבונדן מיט להשבית אויב ומתנקם:

ע"פ המבואר אין רעס מאמר פון וקבל היהודים דשנת תרפ"ז אַז דער חילוק פון אויב ומתנקם איז, אַז אויב איז דער וואָס האָט מלחמה בגלוי, וואָס ווי אַזוי פירט מען אַ מלחמה בגלוי, איז דאָס דורך מעשה, אָדער אַ מלחמה (ווי דאָס

פירט זיך איצטער אין "יו-ען") בדיבור, און מתנקם איז, דער וואָס זוכט תחבולות, און ער איז אַן אויב נסתר, וואָס דאָס איז אַן ענין פון מחשבה.

וואָס דערפון איז מובן, אַז דער ענין פון אויב ומתנקם איז, מחשבה דיבור ומעשה פון דעם צד ההפכי.

עד"ז אויך בנוגע צו יציאת מצרים, שטייט דאָך אין ספרים און רש"י ברענגט דאָס אַראָפּ בפירושו "כיון שהגיע הקץ לא עכבן המקום כהרף עין", וואָס בפשטות הייסט דאָס (און אַ קינד פאַרשטייט דאָס אויך) אַז מיט אַ הרף עין פאַר דערויף איז מען געווען אינגאַנצן תחת שליטת פרעה, אין אַן אופן אַז "מתחילה לא הי' עבד יכול לברוח ממצרים", אפילו אַן עבד אחד האָט ניט געקענט אַנטלויפן פון דאָרטן (וואָס דאָס רעדט זיך וועגן אַנטלויפן - ניט ביד רמה),

און בשעת ס'איז געקומען אָט דער הרף עין, זיינען אַרויס געגאַנגען פון מצרים שישים ריבוא מישראל, בנערינו בזקנינו בבנינו ובבנותינו, לא תשאר פרסה, און מ'איז אַרויס "ביד רמה". ביז וואַנען אַז דאָס האָט אויך גע'פּועל'ט אויף די רגעים וואָס מ'איז געווען לפני זה אין מצרים, כמדובר כמ"פ.

שיחת י"ג תמוז ה'תשל"ו

יובל לשנת החינוך

50

מוקדש לזכות כל השלוחים
והמחנכים העוסקים
במבצע חינוך

משרד החנוך
OFFICE OF EDUCATION

מרכז לענייני חנוך
MERKOS L'INYONEI CHINUCH
SUITE|302

צבאות ה'
ARMY HASHEM
WE WANT MOSHIACH NOW!